# די גאַלע פרעסע

## י. ח. ברנר

גאַלע פרעסע איז איינע פון די זאכען, וועלכע וואלטען אונמעגליך געווען צווישען פרייע מענשען אין א פרייער געזעלשאפט. פרייע מענשען אין א פרייער געזעלשאפט וואלטען זיך נויטיגען אין פּאָעזיע קונסט, ליטעראַ, קלאָרע, עהרליכע בעהאנדלונגען פון די וויכטיגע לעבענס פראגען און אויך געוויס אין ריכטיגע, איינפאכע ידיעות פון אלעס וואס טהוט זיך אויף דער ווייטער וועלט. די גאַלע פרעסע אָבער מיט איהר ווילדען געריש, מיט איהרע מארק־שרייענדע געוואלדען, מיט איהרע צבוע׳ציש[ע] ביזנעס־ארטיקלען, מיט איהרע פאלשע פניות׳דיגע נאכריכטען, מיט איהרע פרעכע גוזמאות׳דיגע ליגענס — איז א קינד פון דער איצטיגער געמיינער פערטומעלטער, קנעכטישער, צופוילטער און גוסס׳שער געזעלשאפט. דאס איז א קינד פון דער קאפיטאליסטישער קאנקורענץ, פון דעם בורזשואזען מיש־מאש, פון די מורא׳יגע מענשליכע טעמפּהייט, פון דעס ניט וועלען פערשטעהן איינער דעם אנדערען; פון דער מיינונג, אז אלעס אין פערדיענסט, אז וויכטיג איז ניט דער מענש, וויכטיג איז זיין אייגענטהום; פון דער מארק־לאזונג, אז רעדען דארף מען ניט אום צו איבערצייגען, זאנדערן אום צו איבערשרייען. און די גאַלע פרעסע שרייט. קולי־קולות. די "קעפּלעך" האלב ארשינע. אין שרעקליכען הוא־הא חאפּט זי זיך פאר די פאלעס פון דעם המון און שלעפּט איהם מיט גוואלד. לאַנגע קאלומס. וואָס מ׳דארף פערשווייגען פערשוויגט מען, וואס מען דארף פערקרימען פערקרימט מען; וואו מען דארף מאכען פון א וואָרט א קוואָרט מאכט מען, און וואס מען דארף בעשמוצען — גיסט מען גאנצע פאמוניצעס. דיזע מציאה פעהלט ניט ביי דיזער שעהנער געזינדעל — די בעשעפער פון יענע לאנגע קאלומס. קיין וואהר־וואָרט; פיור ליגען און איין ציעל: צו פערטומלען דעם עולם און פערהיטען ווי עס איז די אלגעמיינע אוגנערעכטיגקייט, צו איינהאלטען די נארישקייט און פּאָראורטהיילען פון די מאסען, צו בעשיצען אלעס וואס עקזעסטירט אין דער ווירקליכקייט און פערלעשען יעדען פונק פון קריטיק און מרידה...

די גאַלע פרעסע דיענט דעם קאפיטאל, דער קאפּיטאליסטישער אָרדנונג, און אין עצם אין זי דאריבער אינגאנצען אויסגעגאסען ווי פון איין שטיק. דען דער פוסטער געלד־זאק, ווי בעוואוסט, ליידעט ניט קיין פּיעל־פארבינקייט און קאָלירפערשידענהייטען. ער האָט זעהר ליעב קאזארמעס און פיהלט א גרויסע נייגונג צו ראָטעס סאָלדאטען, וועלכע זיינען אלע גלייך ווי א שנור, געהן אלע אין איין פוס און בעוועגען זיך ווי איין מענש. דער קאפיטאליזם האָט גאָר ניט קיין צוטרוי צום פלאקערדען שעפּפערישען גייסט פונ׳ם מענשען. ער וואלט בעסער וועלען, אז די גאנצע מענשהייט זאל זיין א שטיק ארבייטס־פלייש, פון וועלכער מען זאל קענען זויגען אויף א מאהל. דענקענדע מענשען, פאר׳ן קאפיטאל איז א גרויסע סכנה; ער נויטיגט זיך אין מעכאנישע בעשעפעניסען, אין בעוועגליכע פרוזשינעס און איינגעשפּאנטע פערד, און רעדער־דרעהער. ווי ער אליין, אזוי אלע זיינע אינסטיטוציאָנען זיינע אויטאָמאטיש־דראָהענדע ווילד־גרויזאמע מאשינעס, חיות רעות מיט אייזערנע אָפענע מיילער. א חיה רעה מיט אן אייזערנעם אפענעם מויל איז אויך די גאַלע פרעסע. זי הערשט איבעראל. די לאַסאלס האָבען שטענדיג געקריצט מיט די צייהנער, רעדענדיג איבער איהר. זי איז אומעטום, פליסענדיג, בלוטיג, אומריין... און איהר בעזאָנדערען אויסדרוק, אין א געוויסען זין זעהט מען אין ענגלאנד און אמעריקא, וואו די הערשענדע זקנה — די סיסטהעמע פון בלוט זויגעריי — איז אין איהר פולען מאיעסטעטישען גלאנץ.

זעלבסט־פערשטענדליך, אז ווען אונזערע אידישע פיינע בריות לערנען זיך אָב פון די גוים און גיבען ארויס צייטונגען אויף זייער שטייגער בעקומט עם ביי זיי עטוואס אן אנדער פּנים. אבוואהל, די פאקטאָרען זיינען כמעט די זעלבע, דער פּראָצעס האָט פיעלע עהנליכקייטען, אבער דאך האבען אונזערע אידישע גאַלע צו טהון ניט מיט ענגלישע אדער אמעריקאנער קאלטע לונג און לעבערס, זאָנדערען מיט פון רוסלאנד אנטלאפענע אידישע עמיגראנטען. זיי מוזען זיך צופאסען צום געשמאק פון דיזע פערהאָרעוועטע, אפט מאהל, ניט גלייכגילטיגע האלב־לעזער, און די "משונה׳דיגע גאַלקייט בעקומט א כלי־קודש׳דיגע צורה. מען האנדלעט אויף וואס די וועלט שטעהט מיט פרומקייט און גאטספארכטיגקייט, מען ווירצט די ארטיקלען מיט בשמים פון בתי־מדרשים, מחזיקי־הדת־שולען, שחיטה הייזער, מקוואות. עס ווערט זעהר אינטערעסאנט ווען מען נעהמט אזא פּרי אין האנד. די גאַלע אמעריקאנער אָדער ענגלענדער דרשה׳נען דארטען ביי זיך, למשל, איבער אויסלענדישע פאליטיק, איבער רעגירונג און שטאאטען, איבער עלעקשאָנס, קעהרען וועלטען און מיט וואס פאר א מינעס, מיט וואס פאר א פערדרעהעניש, מיט וואס פאר א איבערמאכעניש פון שווארץ ווייס און טאג פון נאכט, ס׳טהוס זיך... און ס׳טהוס זיך אויך אין די אידישע גאַלע פרעסע, און מיט די זעלבע בעוואוסטזיניזע פאלשקייט, און מיט דיזעלבע מינעס און מיט דיזעלבע פערקעהרעניש און מיט די זעלבע

אונפּערשעמטהייט. עס נעהמט אָן אן עקעל צו הערען, למשל, מיט וואס פאר א טאָן עס ווערט דא גערעדט פון די הייליגע מצוות, פון וועלכע די שרייבער אליין האלטען א ציבעלע; מיט וואס פאר א צושמאָלצענע שנאה, אדער אבסאלוטע איגנארירונג בעגעגענען דיזע נאכט וועכטער, ווי פּרץ רופט זיי, יעדען מינדעסטען שפּראָץ פון דער פריי ענטוויקעלטער מענשליכער זעעלע. אויסען איז מען נור צופריעדען צו שטעלען אלע פיינע בעלי בתים, דיינים, שוחטים, מוהלים מיט זייערע פלונית׳טעס; מען גיט זיי די געלעגענהייט צו אויספּיהלען די קאלומס מיט כל מיני "מיינונגען"; מען איז פערנומען מיט דעם געדאנק צו מאכען די צייטונג "אינטערעסאנט", ד"ה אז אזא מין לעזער אדער לעזערין וועט עס "דורכקוקען", זאל ער אָדער זי זאגען: "אה, א מחיה׳דיגער פּייפּער!"

און מחיה׳דיג זיינען דיזע "פּייפּערס" טאקע זעהר און זעהר. אין אן ארטהאדאקסישע צייטונג, צום ביישפּיעל, געפינט איהר ארטיקלען ווי אזוי א פריילען דארף זיך בעגעהען מיט א מאנספּערזאָן, ווען דארף זי איהם "רייכען" די האנד און ווען נור א מאך טהאָן מיט׳ן קאָפּ.

קען דאך אודאי עמיצער מייגען, אז די געלע פּרעסע פאר סאציאליסטישע לעזער איז בעסער פון די ארטהאָדאָקסישע... עס הויבט זיך אָבער גאָר ניט אָן! איינינע חלוקים זיינען אפילו יא דא, אָבער דער תוך, דער עסענץ, די נשמה — אויב מען קען בענוצען דיזען ווארט, רעדענדיג איבער די געלע פּרעסע — בלייבט איינער און דערזעלבער. דער געלער אָרטהאָדאָקס אבוואהל האנדעלט מיט אידישקייט און דער געלער סאָציאַליסט מיט סאָציאַליזם — האנדעל בלייבט אבער האנדעל. אמת, דער אָרטהאָראָקסישער געלער מאכט שטיק צו בעפרידיגען קרעמערס, מייסטערס, קהלס־לייט א. ד.ג. און דער סאציאליסטישער געלער טאנצט פאר ווערק שאָפּ־ארבייטער געהען זיי זיך אבער צונויף אויף דעם פערלאנג צו טאנצען, ד"ה אין דעם פערלאנג ניט צו ריידען צום הארצען, צום פערשטאנד, צו דאס ריינע, וואס אין׳ם מענשען; ניט צו וועקען, צו שטראָפען, צו אויפמונטערן, צו אופקלעהרען, זאנדערן צו געפעהלען זיין, צו נאָכגעבען, צו חנפה׳נען, צו פיהרען פאר׳ן נאָז. און אלעס אזוי ניט ערנסט, אזוי קרעמעריש, אזוי בעלי הבתיש. דא רעדט מען פון שבת, דא פון מארקס׳ן, דא פון שלחן־ערוך־דינים, דא פון "סאציאליסטישע" דאָגמעס — אבער די מענשען זיינען דיזעלבע; א גליקזעליגקייט רוהט אויף זיי. א מאָדנע זעלבסט־צופרידענהייט, זעלבסט־זיכערהייט. און ניט דיזעלבע זיכערהייט פון שטאלצע קעמפפער, וועלכע וויסען זייער ווערטה, זאנדערן, א זעלבסט זיכערהייט, ריכטיגער געזאָגט, א פערלאָזענהייט אויף זיך זעלבסט פון ריזיקירענדע געשעפטס־לייט. ווי ביי די, אזוי ביי די, פיהלט זיך ערגעץ ניט דער צושטערענד־שאפענדער גייסט פון די בעסערע מענשען, פון די וואס לעבען־איבער די נויטיגקייט פון אן איבערקעהרעניש אין אלע געביעטען פון לעבען, ווי אין עקאנאָמישען אזוי אויך אינ׳ם אינדיווידועל־עסטעטישען.